[6] שטורמיסטן is the Yiddish term for SS–personnel (Schutzstaffel), the primary paramilitary Nazi organization most responsible for the genocidal killings in the occupied territories. Regarding שטורמיסט cf.: Nakhmen Blumental, *Verter un vertlekh fun der khurbn-tkufe* (Tel Aviv: Farlag Y.L. Peretz, 1981), 315.

[7] This military unit could not be identified.

# קאָמיטעט צו זאַמלען מאַטעריאַלן װעגן ייִדישן חורבן אין פּױלן, 1939. ביולעטין נומער 3

**קאָמיטעט צו זאַמלען מאַטעריאַלן װעגן ייִדישן חורבן אין פּױלן, 1939.**

**ביולעטין נומער 3**
15 דעצעמבער 1939

(אַלע מאַטעריאַלן, װאָס װעלן פֿאַרעפֿנטלעכט װערן אין די ביולעטינס פֿון אונדזער [...] זענען געזאַמלט געװאָרן דורך פֿאַראַנטװאָרטלעכע גלױבװירדיקע דערציילער און שטרענג קאָנטראָלירט). געזעלשאַפֿלעכע טוער. פֿאַרשריבן אױסן מױל פֿון

**בײַ די גרענעצן**

כּדי דעם לייענער זאָל זײַן פֿאַרשטענדלעך אַלץ, װאָס װערט דאָ װײַטער דערציילט, איז פֿאַר אים נױטיק צו געדענקען אָט װאָס:

ג ר ע נ ע צ ן זענען געװען פֿאַרשידנאַרטיקע:

די דײַטשן האָבן זיך מיט אימפּעט גערוקט פֿאָרױס, אָבער שפּעטער פֿון אַ סך פּונקטן זיך צוריק געצױגן, כּדי אַרײַנצולאָזן אַהין די רוסן. געװען װידער פֿאַלן – פֿאַרקערטע: די רוסן האָבן פֿאַרנומען אַ פּונקט, און אים שפּעטער אָפּגעגעבן די דײַטשן.

װײַטער, עס זענען געװען אַזעלכע פֿאַלן: די דײַטשן האָבן פֿאַרנומען אַ פּונקט, געלאָזט די ייִדן צורו, אַװעק װײַטער: שפּעטער ערשט האָבן זײ זיך אומגעקערט, און אַרױסגעװאָרפֿן אַלע ייִדן פֿון שטעטל, – אַװעקגעשלעפּט זײ צו דער נײַגעבילדעטער גרענעץ מיט ראַטנפֿאַרבאַנד.

אין די אַלע פֿאַלן האָבן ייִדן געליטן פֿריער איין מאָל און שפּעטער אַ צװייט מאָל. אַמאָל ריכטנדיק זיך אױף די אומגליקן װאָס דערװאַרטן זײ, און אַמאָל גאָר אומגעריכט.

נאָך איינס: אַפֿילו װען די גרענעצן האָבן זיך שױן סטאַביליזירט, האָט אָבער דער שטראָם פֿון ייִדן אַלץ נישט אױפֿגעהערט פֿון װאַרשע, לאָדזש, למשל, האָט דער דאָזיקער שטראָם נישט אױפֿגעהערט ביז הײַנטיקן טאָג, שױן צװײ חדשים נאָכן פֿעסטשטעלן די גרענעץ צװישן דײַטשן און רוסן. ייִדן "גנבֿנען" די גרענעץ, טרעפֿן זיך אָן אױף דײַטשע װאַכן, און לײַדן פֿון זײ אָן אַ סוף.

אָט די אַלע יסורים – פֿון מלחמה־טעג און פֿון נאָך־מלחמה־צײַטן – שפּיגלען זיך אָפּ נאָר אין אַ געװיסער מאָס אױף די װײַטערדיקע בלעטלעך. עס װערן דאָ אױך געשילדערט די איבערלעבענישן פֿון די געפּייניקטע אין די צײַטװײַליקע לאַגערן און זאַמלפּונקטן, װאָס דאָס פֿלעגט געװײנלעך זײַן דער "פּרוזדור" צום אמתן גהינום – אױף דער גרענעץ.

"בײַ די גרענצען" – איז, בכן, אַ ברייטע טעמע, וועלכע נעמט אַרום אַ ים מיט לײַדן און בלוטפּאַרגיסונגען, באַליידיקונגען און דערנידעריקונגען.

מיר געבן דאָס וואָרט – די געליטענע אַליין.

**שעפּס (שערפּץ)**
(קרײַז־שטאָט אין פּלאָצקער געגנט)

פֿרײַטאָג דעם 8–טן סעפּטעמבער 1939 זענען די דײַטשן אַהין אַרײַן. די ערשטע טעג האָט זיך דאָס דײַטשע מיליטער באַצויגן צו ייִדן גאַנץ העפֿלעך: די דײַטשן זענען נישט געווען זיכער, צי זיי בלײַבן דאָ, אָדער שעפּס וועט געהערן צו די רוסן. זייער גיך האָט זיך געענדערט די באַציִונג, עס האָט זיך אָנגעהויבן די סדרה כאַפּן אויף אַרבעט און שנײַדן בערד. וועגן דעם וועלן מיר דערציילן אַן אַנדערש מאָל. דאָס מאָל איז דאָך אונדזער טעמע – די גרענעץ. איז אָט ווי אַזוי דאָס איז צוגעגאַנגען אין שעפּס.

איין מאָל דערהערט זיך אויפֿן אַרבעטס־פּלאַץ אַ קאָמאַנדע: "אויפֿהערן אַרבעטן!"

דער עולם האָט געמיינט – מ'גייט אַהיים.

מע האָט אַלע צוגעפֿירט צו דער קאַנצעלאַריע פֿון געשטאַפּאָ, און דאָ אַלעמען אויסגעפֿרעגט: ווער איז פֿאַרהייראַט?

עס האָבן זיך אָפּגעטיילט 53 בחורים, געבליבן שטיין.

דערציילט אונדז וועגן דעם מאָמענט דער קאָמאַשנמאַכער י. ג. ד.:

"נעמט אַ געשטאַפּאָ־מאַן אַרויס אַ דעקלעראַציע און לייענט:

"דאָ איז דײַטשלאַנד. איך, יודע, שרײַב זיך אונטער, אַז איך מוז פֿאַרלאָזן די דײַטשע טעריטאָריע".

נאָך אַמאָל אויסגעטײַטשט: "איך פֿאַרלאָז פֿ ר ײַ וו י ל י ק די דײַטשע טעריטאָריע. און טאָמער קום איך צוריק – וועט מען מיך שיסן".

האָט איינער געזאָגט: ער איז קראַנק. ער האָט אַ קראַנק האַרץ. האָט אים געשלאָגן מיט דער ביקס, געזאָגט: ד אָ ר ט וועסטו שוין ווערן אויסגעהיילט.

האָבן אַלע אונטערגעשריבן די דעקלאַראַציעס – אונטער די לעכער פֿון רעוואָלווערן. יעדער האָט באַקומען אַ ברויט אין האַנט אַרײַן. מ'האָט אַלעמען אויפֿגעשטעלט און אַוועקגעפֿירט אין טורמע. אויפֿן וועג האָבן די ייִדן געמוזט הויך זינגען. זיסט – געקראָגן געשלאָגן. מוטערס, ברידערלעך און שוועסטערלעך זענען נאָכגעלאָפֿן. אין שטעטל איז געוואָרן אַ יללה: מ'שיקט אַוועק די קינדער. אָבער די דײַטשן האָבן געזעגענט זיך – נישט געלאָזט. בלויז מיט די בליקן...

געקומען אין תּפֿיסה, אַלעמען אויסגעטשלעט, אַרײַנגעפֿירט אין די צעלעס דורך אַ שמאָלער טיר. פֿון ביידע זײַטן זענען געשטאַנען געשטאַפּאָ־לײַט און שטאַרק געשלאָגן אַלעמען מיט די קאַלבעס. אין די צעלעס האָבן מיר

געקלאָגט, געוויינט, איינער דעם אַנדערן געטרייסט: אַפּשר שיקט מען אונדז צו דער גרענעץ. אַ גאַנצן טאָג האָבן מיר נישט געגעסן, אָבער די געשטאַפּאָ האָט אויך איצט געהייסן צעשנײַדן דעם ברויט, אָבער נישט עסן – "ביז אַכט אוהר." איינער פֿון אונדז האָט זיך נישט געקענט אײַנהאַלטן און געכאַפּט אַ שטיקל ברויט. האָט דער געשטאַפּאָ־מאַן דאָס דערזען: "ווער האָט גענומען דאָס שטיקל ברויט?" – ער האָט יענעם געשלאָגן מיט אַ בייטש, געגעבן פּעטש, און לסוף צוגענומען בײַ אַלעמען דאָס ברויט. און קיינער האָט נישט געהאַט וואָס צו עסן – פֿאַר אַ שטראָף!

אינדערפֿרי האָט מען ווײַטער אַלעמען גענומען צו אַרבעט – אין הויף, בײַ די קלאָזעטן אאַז"וו.

אַכט אינדערפֿרי האָט מען אַרויפֿגערופֿן אַלעמען אין קאָרידאָר, אָפּגעציילט עטלעכע און פֿופֿציק מאַן, נישט קיין באַווײַבטע, און אַרויפֿגעזעצט אַלעמען אויף דרײַ לאַסט־אויטאָס – – – וווהין פֿירט מען אונדז? צום וואַרשעווער פֿראָנט?

געפֿאָרן עטלעכע שעה, געקומען צו פּולטוסק, לעבן דער בריק, אויף יענער זײַט נאַרעוו. געהייסן אַלע ייִדן אַרויסגיין, אויסגעשטעלט. פֿריער געהייסן אויפֿרייניקן די אויטאָס, דער בײַ געשלאָגן.

נאָך דעם ווידער אַמאָל אונדז איבערגעלייענט די דעקלאַראַציע: "אָט איז די גרענעץ פֿון דריטן רײַך, דער נאַרעוו. ווער ס'וועט קומען צוריק, וועט ווערן דערשאָסן."

דאַן האָבן די דײַטשן אַרײַנגענומען קוילן אין די ביקסן, אָפּגעפֿאָטאָגראַפֿירט אונדז און אַ קאָמאַנדע געגעבן: "לאָז! שנעל לויפֿן! צעשיטן זיך!".

מיר זענען אַלע אַוועק אין וואַלד.

פֿרײַער אָפּגעאָטעמט.

אַזוי האָט זיך דאָס דריטע רײַך געזעגנט בײַ דער נאַרעוו־גרענעץ (מיט פּ.ס.ס.ר.) מיט די "נישט געוווּנטשענע" עלעמענטן פֿון שעפּס.

- -

**אָסטראָון–מאזאָוויעצקי**

(קרײַז־שטאָט אין ביאַליסטאָקער וואָיעוואָדשאַפֿט)

דעם 29טן סעפּטעמבער 1939 איז באַוווּסט געוואָרן: אָסטראָוו בלײַבט בײַם דײַטש. די האַלטונג פֿון דײַטשישן מיליטער איז געוואָרן האַרטער, שטרענגער.

"–מאָנטאָג חול–המועד–סוכות, דעם 2טן אָקטאָבער״ – דערציילט אונדז דער פֿירער פֿון דער ישיבה "בית יוסף," הרבֿ א. א. נ. – ״פֿאַרנאַכט האָט די ציווילע מיליץ מודיע געווען, אַז מאָרגן אַכט פֿרי מוזן אַלע זײַן אויף די הייף; אויב ס'איז דאָ איינער אַ קראַנקער, וואָס קען נישט אַרויסגיין, מוז מען מעלדן וועגן דעם פֿאָרויס. האָט נישט געוווּסט, וואָס דאָס באַדײַט. געווען פֿאַרשידענע השערות: ס'איז אַ רעוויזיע אין די הײַזער. מע זוכט געווער; מע וויל וויסן, וויפֿל פֿרעמדע ס'איז דאָ אין שטאָט.

עס איז געווען אַ רעגנדיקער טאָג. אַלע האָבן זיך אָנגעטאָן און אַרויס אין די הייף. האַלב אַכט האָט מען זיך דערוווּסט, אַז עס איז אַ ג ז י ר ה אויף די פֿרעמדע (ד"ה אויף די ייִדישע פּליטים אויס אַנדערע שטעט); זיי מוזן תּיכּף אַרויס פֿון שטאָט. – – –

אַלע פֿרעמדע האָט מען צונויפֿגעקליבן אויפֿן נײַעם מאַרק־פּלאַץ. געווען דאָ דרײַ טויזנט מאַן – גרויסע און קליינע, יונגע און עלטערע מענטשן. – – – אויפֿן מאַרק־פּלאַץ האָט אַן עלטערער דײַטשער אָפֿיציר, אַ מאַיאָר, געהאַלטן אַ קורצע רעדע: אַלע פֿרעמדע ייִדן מוזן שנעל פֿאַרלאָזן די שטאָט...

אַרום נײַן – האַלב צען, דער רעגן האָט געגאָסן. האָט מען גענומען טרײַבן אַלע דרײַ טויזנט מאַן אויף זעמבראָווער שאָסיי. אַלע איבעריקע שאָסייען זענען געווען פֿאַרמאַכט. ס'איז געווען שווידערלעך. מ'האָט נישט געלאָזט קיין זאַך מיטנעמען. וואָסער ייִד עס האָט געהאַט מיט זיך עפּעס אַ פּעקל, האָט מען עס בײַ אים צוגענומען און געוואָרפֿן פֿאַר די קריסטן.

מ'האָט געשלאָגן אַלטע לײַט און פֿרויען – זיי זאָלן גיין שנעלער. פֿאַרבײַ אונדזער שטוב איז דער דאָזיקער צוג געגאַנגען אַ דרײַ שעה צײַט.

די אַרויסגעטריבענע האָבן זיך געבעטן: כאָטש אַ שטיקל ברויט מיטצונעמען פֿאַר די קליינע קינדער, אָבער מ'האָט נישט געלאָזט. בײַ יעדן טויער איז געשטאַנען אַ זשאַנדאַרם, מ'זאָל חלילה זיך נישט פֿאַרהאַלטן. נישט געווען מעגלעך עמעצן עפּעס צו דערלאַנגען. דאָס געוויין פֿון די קינדער און אַלטע לײַט האָט געשפּאָלטן הימלען, ממש צעבראָכן די שטאָטישע אײַנוווינער.

אַזוי האָט מען געיאָגט די מענטשן זיבן – אַכט קילאָמעטער, ביז צו דער נײַער רוסישער גרענעץ.

די אַרויסגעטריבענע האָט מען בײַ דער גרענעץ געשלאָגן, רעווידירט, צעשניטן די פּעקלעך (בײַ וועמען מ'האָט נאָך אַזוינע געפֿונען) – אָפּגעגעבן אַלץ די קריסטן, און צוגענומען ביזן לעצטן גראָשן.

פֿאַרשטייט זיך, אין אַ פּאָר טעג אַרום איז געקומען די רייד אויך אויף די אָרטיקע אַלטגעזעסענע ייִדישע אײַנוווינער פֿון אָסטראָוו–מאַזאָוויעצקי. די פֿייניקונגען און קאָנפֿיסקאַציעס – האָבן צוגעאײַלט די זאַך.

די שטאָט האָט אָנגעהויבן אָפּצושטאַרבן, – דערציילט אונדזער עדות, – במשך פֿון געציילטע טעג זענען אַלע אַרויפֿגעפֿאָרן. געבליבן נאָר איינצלנע".

=============

**וויסאָקע–מאַזאָוועצקי**

(קרײַז־שטאָט אין ביאַליסטאָקער וואָיעוודשאַפֿט).

אַ העברעיִשער לערער וועלכער האָט פֿון אָנהויב מלחמה זיך אויסבאַהאַלטן פֿאַר די באָמבאַרדירונגען אין ל אָ מ ז ש ע און שפּעטער, דעם 9טן סעפּטעמבער, זיך אומגעקערט קיין וו י ס אָ ק ע, דערציילט אונדז:

– אין אַ געוויסן טאָג האָבן די דײַטשן צונויפֿגענומען אַלעמען פֿון שטעטל, ייִדן און קריסטן. געהאַלטן זיי אַ פּאָר שעה אויפֿן אָפֿענעם פּלאַץ, אַ שעה צײַט געהייסן זיי שטיין מיט – די הענט אין דער הויך; אַ שעה צײַט – זיצן מיט

די הענט צום הימל. געווען זענען דאָ איבער צוויי טויזנט מענטשן. מ'האָט אָנגעשטעלט אויף אונדז קוילנוואַרפֿערס, געדראָט – אין אַ שעה אַרום וועט מען אונדז אַלעמען אויסשיסן. מ'האָט אונדז אַלעמען רעווידירט, צוגענומען אַלץ. אַ סך ייִדן האָבן שוין געהאַט אָפּגעזאָגט ווידוי. דער דײַטשער "שפּרוך" איז געווען: "אַלע יודען אויסשלאַכטן! דרעק–יודען!"

אין עטלעכע שעה אַרום, פֿאַרנאַכטצײַט, האָט מען אַלעמען אַרײַנגעטריבן אין אַ קאָשטשאָל און געהאַלטן זיי דאָרט אַ פּאָר טעג אין שרעקלעכסטע באַדינגונגען: אָן עסן, נישט אַרויסגעלאָזט לצורך. ענדלעך, האָט מען די אַרעסטירטע אָנגעהויבן גרופּנווײַז אַרויסצולאָזן, און אויף לאַסט־אויטאָס האָט מען זיי ערגעץ אַוועקגעפֿירט. די גרופּע פֿון אונדזער עדות האָט מען אַוועקגעפֿירט אונטער אַ שטאַרקער וואַך צופֿוס קיין זעמבראָווע, וווהין זיי זענען אָנגעקומען פֿרײַטאָג פֿאַרנאַכט דעם 15טן סעפּט. 1939.

דאָרט האָט מען זיי געהאַלטן אין די קעלערן פֿון די קאַזאַרמעס – ווידער בײַ שוידערלעכע באַדינגונגען. לסוף אָנגעהויבן אויך פֿון דאַנען זיי צו באַפרײַען. דערציילט וועגן דעם דער דערמאָנטער לערער אַזוי:

אויפֿן הויף האָט מען אונדז ווײַטער געשטויסן מיט די פֿיס. געשלאָגן, אָפּגעלאַכט פֿון אונדז שטאַרק. מ'האָט אונדז אײַנגעשטעלט אין שורות און גענומען יאָגן. עטלעכע זעלנער אויף פֿערד האָבן אונדז געיאָגט. פֿון פֿאָרנט און פֿון הינטן זענען געווען קוילנוואַרפֿערס.

אויפֿן וועג האָבן פֿרויען אונדז געוואָלט דערלאַנגען ברויט, פּרוכט, – האָט מען אויסגעשאָסן אין דער לופֿט, נישט צוגעלאָזט. מיר זענען געווען פֿאַרחלשט פֿון הונגער און מידקייט. איין פֿרעמדע פֿרוי האָט זיך דערנענטערט צו אונדז, האָט אַ זעלנער איבערגעקערט דאָס גאַנצע עסן, די פֿרוי צעקלאַפּט, צעהרגעט, זי איז קוים אַוועק מיטן לעבן.

אונדז האָט מען ווײַטער געיאָגט. איינער פֿון אונדזער גרופּע איז געפֿאַלן חלשות, איז צו אַ זעלנער פֿון דער דער וואַך און האָט אים דערשאָסן. דאָס איז געווען אַ זעמבראָווער —— פּיצינער, אַ בוכהאַלטער.

מיר זענען אַלץ ווײַטער געלאָפֿן. גראָד איז פֿאַרבײַגעפֿאָרן אַ דײַטשער לאַסט־אויטאָ, האָט זיך אַרויסגעריסן פֿון אונדזער גרופּע דער בלוט־צעשלאָגענער בחור באַלאַמוס (זײַן פֿאָטער רופֿט מען אבֿרהם־משה קצבֿ). און ער האָט זיך אַרונטערגעוואָרפֿן אונטער די רעדער. ער האָט דערנאָך נאָך געאָטעמט. איז צוגעגאַנגען אַ זעלנער פֿון אונדזער וואַך צום איבערגעפֿאָרענעם און אים דערשאָסן.

אונדז האָט מען געיאָגט ווײַטער. הינטער דער שטאָט, פֿאַרבײַגייענדיק אַ טײַכל, האָבן מיר געזען, ווי צוויי זעלנער פֿירן אַראָפּ משה גרושקע צום טײַכל. דאָרט האָט מען אים עטלעכע מאָל אויסגעשאָסן און מיטן פֿוס אַרײַנגעשליידערט אין טײַכל אַרײַן.

מ'האָט אונדז אַלץ ווײַטער געיאָגט, נישט געלאָזט טרינקען קיין וואַסער פֿון די טײַכלעך. ווער ס'האָט זיך אַביסל פֿאַרהאַלטן, האָט באַקומען געשלאָגן. מ'איז אַלץ געלאָפֿן. דער רודקער שוחט איז געווען אַ געבראָכטער, אַ מענטש פֿון 70 יאָר, – האָט ער אויך געמוזט לויפֿן.

פֿאַרנאַכט זענען מיר אַרײַנגעקומען קיין לאָמזע – די שטאָט איז שוין אינגאַנצן חרובֿ געווען.

מ'האָט געזאָגט – מע יאָגט אונדז קיין דײַטשלאַנד. בײַ מיר איז געווען באַשלאָסן אַרײַנצוּוואַרפֿן זיך דאָ אין נאַרעוו: דאָס לעבן האָט בײַ מיר שוין נישט געהאַט קיין ווערט. קומענדיק אויף עק דוואַרנע און געלטשינסקע גאַס, האָב איך

זיך אָפּגעטיילט פֿון דער גרופּע און בין אַוועק: איך האָב געהאַלטן. ווען אַפֿילו מען וועט מיך שיסן, איז אַלץ בעסער. אָבער צום גליק האָב איך זיך אַרויסגעראַטעוועט.

וועגן דעם, וואָס איז ווײַטער געשען מיט די געטריבענע, האָט זיך דער לערער ג. דערוווּסט שפּעטער. ער דערציילט וועגן דעם אַזוי:

– דינסטאָג דעם 19טן סעפּטעמבער האָט מען זיי אַוועקגעפֿירט קיין ק אָ ל נ ע. און פֿון דאָרט קיין ש ט ש ו ט ש י ן, ג ר אַ י ע וו ע, ש ט אַ ב ל אַ ן ביַי קעניגסבערג. דאָרט האָט מען זיי געגעבן מאַטעריאַל, געהייסן אויפֿשטעלן ביידלעך, אָבער ווען די ביידלעך זענען שוין געווען פֿאַרטיק און מען האָט שוין געזאָלט אַרייַנגיין אַהין, האָט מען אַרייַנגעלאָזן אַהין בלויז די קריסטן. די ייִדן האָט מען געהייסן בויען נייַע ביידלעך, און אויך אין ד י ווייַטער זיי נישט אַרייַנגעלאָזט. ערשט ווען אַלע קריסטן זענען שוין געווען באַזעצט, האָט מען אויך די ייִדן אַרייַנגעלאָזט.

צוויי נעכט האָבן די ייִדן גענעכטיקט אין פֿעלד, אונטער אַ גאָסרעגן. אין די ביידלעך איז געווען אָנגעפּאַקט ווי אַ הערינג. עסן האָט מען געגעבן נאָר ברויט (אַ האַלב פֿונט מעת־לעת) מיט אַ פּאָר זופּ קאַווע – אין איין שעלכל פֿאַר פֿיר מענטשן. אַזוי האָט מען אַלע געהאַלטן איבער אַ וואָך. אַ סך פֿון זיי זענען קראַנק געוואָרן. צוויי זענען געשטאָרבן.

נאָך צען־עלף טעג האָט מען אַלע איינוווינער פֿון לאַגער אַרויפֿגעלאָדענט אויף פֿיר־וואַגאָנעס, געהאַלטן אַ מעת־לעת פֿאַרשלאָסן אין די וואַגאָנעס, דערנאָך צוגעשטעלט זיי צו דער גרענעץ מיט ס.ס.ס.ר. בייַ אָ ס ט ר אָ ל ע נ ק ע.

צעבראָכענע זענען זיי מיט אַ צייַט שפּעטער געקומען צוריק קיין ל אָ מ ז ע (נאָכדעם, ווי די רויטע אַרמיי האָט פֿאַרנומען לאָמזע). אַ סך פֿון זיי זענען געווען צעשטאָכן פֿון באַגנעטן (צב"ש דעם לאָמזער רבֿס זון לייבל שאָצקעס).

============

**ב ר אָ נ ט ש י ק**
(אַ דאָרף בייַ סט. לאָכאָוו, ווענגראָווער קרייַז)

דערציילט אונדז אַ ייִנגע פֿרייַלן ב., וועלכע איז געלאָפֿן פֿון מ י ש ב י ץ (אָסטראָלענקער קרייַז) און בייַם סוף פֿון אירע וואַנדערונגען איז זי אָנגעקומען חול־המועד־סוכות אין אַ דאָרף ב ר אָ נ ט ש י ק (לעבן לאָכאָוו):

– קיין ב ר אָ נ ט ש י ק זענען צוגלייַך מיט אונדז אָנגעקומען ייִדן פֿון פּ ו ל ט ו ס ק, ר ו ז ש אַ ן, ד ל ו ג אָ ש אָ ד ל ע, ג אָ וו אָ ר אָ וו ע. דאָס זענען אַלץ געווען פּליטים, וועלכע די דייַטשן האָבן געהייסן אין משך פֿון 5 מינוט פֿאַרלאָזן זייערע שטעט. די דייַטשע וואַכן האָבן אויסער דער שטאָט אַלעמען אויסגעטאָן קאָמפּלעט נאַקעט, צוגענומען בייַ זיי אַלץ און געטריבן ווייַטער: "זאַ בוגעם ! זאַ בוגעם! צום רוס!"

איין פֿרוי פֿון פּולטוסק האָט דערציילט: זי איז פּונקט געווען אין גאַס, אין שטוב האָט זי געלאָזן אַ יאָריק קינד. האָט זי זיך געבעטן בייַ די דייַטשן: לאָזט מיך אַרויסנעמען דאָס קינד. האָט מען זי נישט געלאָזט מיטנעמען דאָס קינד. געטריבן ווייַטער.

די דייַטשן האָבן געמאָלדן: אַלע ייִדן וועלן פֿון ב ר אָ נ ט ש י ק מוזן אַוועק.

בײַ די איינציקע 4 אָרטיקע ייִדן, אָרעמע עפּל־הענדלער, האָבן די דײַטשן כּסדר גערויבט.

נאָך סוכּות זענען מיר אַוועק ווײַטער אין וועג: אַלע האָבן געמוזט פֿאַרלאָזן דאָס דאָרף. מיר זענען געקומען אין אַ שטעטל פּ אָ ר ע מ ב י ס..מאָנטאָג דעם 9טן אָקטאָבער האָבן מיר זיך געלאָזט אויפֿן וועג קיין אָ ס ט ר אָ וו– מ אַ ז.

אָנגעקומען, געטראָפֿן דאָ אַ שרעקלעך בילד, אַלע ייִדן האָבן שוין דאָ געהאַט פֿאַרלאָזט די שטאָט, דאָרטן זענען געווען די דײַטשן. צו די אָרטיקע ייִדן האָבן די דײַטשן געמאָלדן: אָן רעכט קענען זיי דאָ פֿאַרבלײַבן, נישט צו אַרבעטן נישט צו האַנדלען.

צוויי קילאָמעטער פֿון דאַנען איז געווען די רוסישע גרענעץ. דינסטאָג דעם 10טן אָקטאָבער אינדערפֿרי זענען מיר צוגעקומען צו דער גרענעץ. די דײַטשן האָבן בײַ אונדז אַלע צוגענומען, אַפֿילו אַ שטיקל זייף. מײַנע פֿעטערס האָבן נאָך באַקומען פּעטש.

**בײַ   ב ר אָ ק**
(אָסטראָוו–מאַזאָוויעצקער קרײַז).

דערציילט אונדז דער אַדוואָקאַט ג., וועלכער איז אַרויס פֿון וואַרשע דעם 7טן נאָוועמבער 1939, ד"ה איבער אַ חודש נאָכן אַרײַנקומען פֿון די דײַטשן:

– עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ גרויסע עמיגראַציע פֿון דײַטשן געביט צו דער סאָוויעטישער גרענעץ. צו ערשט פֿון יונגעלײַט, און שפּעטער פֿון סתּם ייִדן, וועלכע האָבן נישט געזען פֿאַר זיך קיין שום צוקונפֿט. די עמיגראַציע האָט אָנגענומען אַ מאַסן־כאַראַקטער, אַזוי ווי עס איז נאָך נישט געווען קיין שום באַן־קאָמוניקאַציע. האָט זיך דער עולם געלאָזט צופֿוס...

די דײַטשן האָבן רעווידירט די אַלע פערזאָנען, צוגענומען בײַ זיי גאָלד, זילבער, געלט, זייגערלעך, קליידער אאַז"וו. געווען פֿאַלן, ווען מ'האָט איבערגעלאָזט כּמעט ווי באָרוועס און נאַקעט. נאָך אַ רעוויזיע האָט מען אומישנע פֿאַרטוישט די קליידער – פֿון איינעם צו אַ צווייטן; אַמאָל האָט מען עס אַוועקגעגעבן אַ פֿרעמדן קריסט, אָדער אַזאַ פערזאָן, וואָס מ'האָט אָנגענומען פֿאַר אַ קריסט (מיט אַן "אַרישן" אויסזען).

איך בין געפֿאָרן קיין   ב ר אָ ק   אין אַן אויטאָ, און דער עקזאַדוס פֿון די ייִדן אויפֿן גאַנצן וועג האָט געמאַכט אויף מיר אַן אומגעהויערן אײַנדרוק: לענגאויס דעם גאַנצן שאָסיי האָט מען געזען ייִנגעלײַט און מיידלעך, ס'רובֿ מיט רוקזעק אויף די פּלייצעס, מיט שטעקנס אין האַנט. געטראָפֿן זיך אויך מענטשן אין די מיטעלע יאָרן; געווען דאָ וועגענער, פּלאַטפֿאָרמעס – אָנגעשטאָפּט מיט מענטשן פֿון סעמיטישן אויסזען. צו 30 – 40 אין אַ וואָגן. ס'זענען אויך געפֿאָרן פּריוואַטע אויטאָס און לאַסט־אויטאָמאָבילן מיט "עמיגראַנטן". ס'האָט געמאַכט דעם אײַנדרוק, ווי מ'וואָלט די אַלע נאָכגעיאָגט, ווי אַ צוג, וואָס האָט זיך גאָרנישט געוואָלט ענדיקן – אַ צוג פֿון מענטשן, פֿורן, אויטאָס.

אַ פּאָר קילאָמעטער פֿאַר   י אַ ד ע וו ע   איז אונדזער אויטאָ געוואָרן פֿאַרהאַלטן דורך צוויי מיליטער־לײַט, מיט געלע בענדער אויף דער לינקער האַנט, מיט אַן אויפֿשריפֿט "דוטשע ווערמאַכט". מע האַט אונדז געשטעלט די סטעראָטיפּישע פֿראַגע: "יודען? האַבן זי געלט? האַבן זי אוהרע?"

בײַ מיר האָבן די דײַטשן אַראָפּגענומען פֿון דער האַנט מײַן זילבערן זייגערל. אָבער ווײַל דאָס זילבער איז געווען אָקסידירט און דאָס גלעזל צעקלאַפּט, איז עס זיי נישט געפֿעלן געוואָרן, און זיי האָבן זיך באַגנוגנט מיט דער גאָלדענער בראָנזלעטע פֿון מײַן שכנטע.

פֿיר־פֿינף קילאָמעטער פֿאַר בראָק, אַרום פֿינף נאָכמיטאָג – ס'איז שוין געווען פֿינצטערלעך. זענען פֿון דער לינקער זײַט וואַלד אַרויסגעשפּרונגען מיט אַ הילכיקן געשרײַ "האַלט" 8 – 10 פּאָליציי־לײַט, מיט שמיצרוטנס אין די הענט. די ערשטע פֿראַגע איז נאַטירלעך געווען ״יודען?״ אַזוי ווי קיינער פֿון אונדזער אויטאָ האָט נישט געענטפֿערט, האָבן זיי אַליין קוואַליפֿיצירט די פּאַסאַזשירן, באַלויכטנדיק די פּנימער מיט עלעקטרישע לעמפּלעך, בײַ די פּערזאָנען, וועלכע זיי האָבן אָנערקענט פֿאַר נישט־ייִדן. האָבן זיי איבערהויפּט קיין שום רעוויזיע נישט אַדורכגעפֿירט. אַקעגן, האָבן זיי געמאַכט אַ גענויע רעוויזיע בײַ אַלע אַנדערע.

געווען צווישן אונדז אַ פּאַסאַזשיר, וועלכער האָט געהאַט אַן אַרישן אויסזען און אַפֿילו אַ קאַטוילישן טויף־צעטל. זײַן פֿרוי – האָבן די דײַטשן פֿעסטגעשטעלט איז אַ ייִדישע. צום שלימזל האָט מען נאָך בעת דער רעוויזיע בײַ איר געפּאַקט אַ סידור, און דאָס האָט אינגאַנצן אַרויסגעבראַכט פֿון די כּלים די דײַטשן: זיי האָבן דעם פּאַסאַזשיר שטאַרק געמוסרט: סטײַטש, ווי קומט עס צו אַ פּאָליאַק און דערצו נאָך אַ קאַטויל – ער זאָל חתונה האָבן מיט אַ ייִדישער פֿרוי...אָט דעם פּאַסאַזשיר האָבן די דײַטשן שטאַרק רעווידירט, צוגענומען בײַ אים זײַן זייגערל, דאָס קייטל, דאָס גאַנצע געלט – נישט געלאָזן אַפֿילו די ״געזעצלעכע״ צוואַנציק זלאָטעס. זיי האָבן אים צוגענומען אַ פּאָר שטיקלעך זײַף און דאָס ביסל זיסוואַרג – שאָקאָלאַד, צוקערלעך וועלכע מיר האָבן געהאַט אין אויטאָ.

דערווײַל איז אָנגעקומען אַ גרויסע פּלאַטפֿאָרמע מיט נײַע פּאַסאַזשירן, און אויך אַ ביסל מענטשן צופֿוס. מ׳האָט זיי אַלע פֿאַרהאַלטן. אונדז ווידער האָט מען באַפֿוילן אויסצודרייען אונדזער אויטאָ מיט די לאָמפּן קעגנאיבער דעם דײַטשן אויטאָ, און אין ליכט פֿון ביידע אויטאָס איז פֿאָרגעקומען די רעוויזיע פֿון די נײַ־אָנגעקומענע.

מ׳האָט מענטשן אויסגעטאָן און איבערגעלאָזט זיי אַזוי ווי אָדם און חווה זענען אַרומגעגאַנגען. מ׳האָט אויסגעדרייט די אַרבל פֿון די רעקלעך, אַרויסגעצויגן די פּאָדשעווקע פֿון די קעשענעס; מ׳האָט בשעת דער רעוויזיע געוואָרפֿן דאָ וועש און קליידער אויף דער ערד גלײַך אין בלאָטע. באַזונדער גענוי האָט מען אַדורכגעפֿירט די רעוויזיע איבער די פֿרויען. איז אויסגעפֿאַלן, לײַדער, צוצוזען אין אָט די אומשטענדן נאַקעטע פֿרויען, אַרומגערינגלט דורך מונדירטע פּאָליציי־לײַט, מיט ריטער אין די הענט. איין פֿרוי האָבן די דײַטשן אָפּגעפֿירט צו זיך אין אויטאָ. – כ׳ווייס נישט, וואָס זיי האָבן איר געטאָן, אָבער עס האָט זיך געהערט פֿון דאָרט איר געוויין.

אין דעם איז אָנגעקומען אַן אַנדער אויטאָ מיט פּאַסאַזשירן. די דײַטשן האָבן אונדז דעמאָלט באַפֿרײַט פֿון אַסיסטירן בײַ דער נײַער רעוויזיע, און מיר זענען מאָראַליש צעבראָכענע און דערשלאָגענע, אָפּגעפֿאָרן קיין ב ר אָ ק.

שפּעטער איז קיין בראָק אַרײַנגעפֿאָרן דער וואָגן, וועלכער איז מיט עטלעכע שעה צוריק געקומען אין וואַלד פֿאַר בראָק, בשעת אונדזער רעוויזיע האָט זיך שוין געהאַט געענדיקט דאָ. צווישן די פּאַסאַזשירן פֿון דעם דאָזיקן וואָגן האָט איצט געהערשט אַ הײַטערע שטימונג, – נישט געקוקט דערויף, וואָס דער ייִדישער פֿורמאַן פֿונעם וואָגן האָט באַקומען קלעפּ פֿון די דײַטשן מיט זײַן אייגענער בײַטש, וועלכע זיי האָבן אויף אים צעבראָכן, און וואָס איינער פֿון די פּאַסאַזשירן איז געווען שטאַרק צעשלאָגן, אַז ער האָט זיך נישט געקענט רירן. די סיבה פֿון דעם הײַטערקייט איז געווען אַזעלכע: בעת דער רעוויזיע אויף דעם וואָגן האָבן די דײַטשן צוגענומען בײַ אַלע פּאַסאַזשירן צוויי טויזנט דרײַ הונדערט זלאָטעס. אָבער איינע פֿון די פּאַסאַזשירנס אין וואָגן, אַ בלאָנדע פֿרוי האָבן די דײַטשן אָנערקענט פֿאַר אַ פּוילישע, און זי אינגאַנצן נישט רעווידירט, אַוועקגעשטעלט אין אַ זײַט, צום סוף פֿון דער רעוויזיע האָט איינער פֿון די דײַטשע פּאָליציי־לײַט דער דאָזיקער בלאָנדער ״אַריערין״ אַוועקגעגעבן די 2300 זלאָטעס און נאָך אַ ביסל פֿון די

חפֿצים, וועלכע ער האָט געהאַט אונטער דער האַנט. ער האָט איר דערבײַ צוגעווונטשן אַ גליקלעכע רײַזע, הגם ער האָט זיך שטאַרק געוווּנדערט וואָס זי פֿאָרט צוזאַמען מיט די זשידעס און דערצו נאָך קיין סאָוויעט רוסלאַנד.

אין דער פֿינצטערניש, בײַם ליכט פֿון שוועבעלעך, האָט שפּעטער די ״פּוילישע פֿרוי״ צוריק געטיילט אַלעמען דאָס געלט, וועלכע דער דײַטש האָט איר געשאָנקען, און דערפֿון איז געקומען די הײַטערע שטימונג.

דער עדות, אַדוואָקאַט ג., האָט זיך שפּעטער דאָ געטראָפֿן מיט צוויי פּוילישע אינטעליגענטן, דעם ריכטער א. און דעם זון פֿון אַ לאָמזער דירעקטאָר מ. – האָבן זיי דעם אַדוואָקאַט ג. דערציילט פֿונעם גרענעץ־פּונקט ב ר אָ ק אַזאַ געשיכטע:

– זייביידע זענען מיט אַ טאָג פֿריער געווען אין ב ר אָ ק עדות פֿון אַזאַ שרעקלעכע סצענע: די דײַטשן האָבן געבראַכט צו שלעפּן צום טײַך בוג 20–25 ייִדישע פֿרויען, האָבן צוזאַמענגעטריבן פֿון שטעטל דעם גאַנצן פּוילישן ערבֿ־רבֿ, אויסגעטאָן די ייִדישע פֿרויען נאַקעט, אַרײַנגעשטופּט זיי אין וואַסער אַרײַן, זייער וועש געוואָרפֿן איבערן גאַנצן ברעג און שפּעטער דאָס אַרומגעוואָרפֿן צווישן ערבֿ־רבֿ. וועלכער האָט די וועש געכאַפּט... די גאַנצע סצענע האָבן די דײַטשן פֿאָטאָגראַפֿירט.

ווי ס׳האָט מיר דערקלערט דער הער מ. – גיט צו דער אַדוואָקאַט – האָט די פֿאָטאָגראַפֿיע געדאַרפֿט דינען אַלס בילד, ווי די פּאָליאַקן טראַקטירן די ייִדן און באַראַבעווען זיי. אויב איך בין זיך נישט טועה, האָב איך וועגן דעם אייגענעם פֿאַל געהערט אויך פֿון אַנדערע פּערזאָנען.

===========

זאָל דאָ פֿאַרצייכנט ווערן אויך אַזאַ פֿאַקט, וואָס איז אַן אויסנאַם אין זײַן אַרט.

עס זיצט פֿאַר אונדז אַ בחור פֿון 19 יאָר, אַ יוגנטלעכער אַרבעטער פֿון לאָדזש, און דערציילט זײַנע טראַגישע איבערלעבענישן פֿון די מלחמה־טעג און שפּעטער:

ווען ער איז צוזאַמען מיט זײַנע עלטערן געלאָפֿן פֿון ל אָ ד ז ש, האָט אַ באָמבע פֿון אַן אַעראָפּלאַן געטראָפֿן אין דער מוטער, און זי דערהרגעט אויפֿן אָרט.

– ״עס איז אונדז געלונגען, דערציילט דאָס דאָזיקע אומגליקלעכע ייִנגל, – אומצוזוכן די טיילן פֿון איר קערפּער, און מיר האָבן זי צו קבֿורה געבראַכט״.

שפּעטער האָט זיך דער פֿאָטער מיטן זון צוריק אומגעקערט קיין לאָדזש; אָבער נאָך אַ געוויסער צײַט, אונטערן אײַנדרוק פֿון די פּלאָגענישן פֿון די לאָדזשער ייִדן, זענען זיי אַוועק פֿון לאָדזש און זיך געלאָזט צו דער רוסישער גרענעץ.

– ״מיר זענען געקומען קיין ווי ש ק אָ וו, – דערציילט דער יוגנטלעכער ל., – דאָרט איז פֿאַראַן אַ בריק איבערן בוג. צוגעקומען צו דער בריק, האָבן מיר דערזען אַ דײַטשע וואַך. די דײַטשן האָבן צו אונדז גערופֿן: ״שטיין בלײַבן!״ דערנאָך אונדז אויסגעפֿרעגט, צי מיר זענען ייִדן, ווער איך בין. פֿון מיר האָט מען אַראָפּגענומען אַלץ, וואָס איך האָב געטראָגן – אַ נײַעם אָנצוג, נײַער פּאַלטן, שיך, און מ׳האָט מיר צוגעוואָרפֿן אַלטע זאַכן, איך זאָל אָנטאָן.

נאָך דעם האָבן זיי אָפּגעפֿירט דעם פֿאָטער אַ 10 טריט פֿון דער בריק, געהייסן אים אויפֿהויבן די הענט אין דער הויך און זיך אויסדרייען מיטן פּנים אויף צוריק. איינער פֿון די 8 זעלנער פֿון דער וואך האָט אויסגעשאָסן 2 מאָל, און מײַן פֿאָטער איז געפֿאַלן. ער האָט נאָך געזשיפּעט און האָט מיך גערופֿן צו זיך אָבער באַלד האָב איך דערהערט: "שטיין בלײַבן!" ווען איך וועל זיך דערנענטערן– וועלן זיי שיסן. מ'האָט מיר געהייסן לויפֿן, און איך האָב זיך געמוזט לאָזן לויפֿן.

לאַנג בין איך געלאָפֿן. ענדלעך האָב איך געפֿרעגט אַ פּויער, ווי קען מען דאָ צוקומען צו דער רוסישער גרענעץ, אויסמײַידנדיק די דײַטשן. דער פּויער האָט מיר געוויזן דעם וועג צום דאָרף ש י ע ר אָ ט י נ י ע ץ: דאָרט איז שוין די רוסישע גרענעץ.

אַן אַכט קילאָמעטער בין איך אַזוי געגאַנגען ווײַטער, נישט געוווּסט ווּו איך בין. האָב איך באַמערקט אַ כאַטקע, צוגעקומען, געעפֿנט די טיר – און דערזען אַ דײַטשן זעלנער. איך האָב געבעטן בײַ דער פּויערטע אַ ביסל וואַסער צום טרינקען האָט זי געענטפֿערט: נישטאָ ! – און איך בין אַוועק פֿון דאַנען.

באַלד אָבער האָט זיך באַוויזן דער זעלביקער דײַטשער זעלנער און מיר גערופֿן צוריק. ער האָט געפֿרעגט: "יודע?" און דערהערט מײַן פּאָזיטיוון ענטפֿער, האָט ער מיר געהייסן גיין נאָך אים, און געבראַכט צו אַ צווייטער שטוב, ווּו עס איז שוין געווען אַ גרעסערע גרופּע פֿון אַ מאַן 15 דײַטשע זעלנער.

דאָס איז געווען אַ וואַך שטוב. די זעלנער האָבן מיט מיר אָנגעהויבן רעדן אין אַ געבראָכענעם פּויליש. דאָס זענען געווען חבֿרה פֿון עטלעכע און צוואַנציק יאָר; איך האָב זיך שפּעטער דערוווּסט: דער גרעסטער טייל פֿון טשעכאָסלאָוואַקײַ. זיי האָבן געפֿרעגט, פֿונוואַנען איך קום, און צי איך גיי צו די רוסן. איך האָב זיי דערציילט, וואָס איך האָב ערשט וואָס איבערגעלעבט.

און דאַן האָב איך צו מײַן דערשטוינונג דערהערט פֿון זיי אַזעלכע רייד: איך זאָל נישט מורא האָבן. יענע דײַטשן בײַ דער בריק – דאָס זענען אמתע שטורמיסטן. "מיר זענען אַנדערע. מיר וועלן עס דאָ אויסראַטן. מיר וועלן זיך אינגיכן זען מיט דיר בײַ די רוסן. מיר וועלן נאָך דאָ מאַכן אַ רעוואָלוציע".

זיי האָבן אָנגעהויבן צו זינגען און טאַנצן. זיי האָבן צווישן אַנדערע לידער געזונגען אויך דעם "אינטערנאַציאָנאַל". זיי האָבן מיך געפֿרעגט, וועלכע לידער איך קען זינגען. איך האָב געזאָגט: איך קען נאָר ייִדישע לידער: האָבן זיי מיך געהייסן זינגען ייִדישע לידער. זיי האָבן אויך מיר געשלעפּט טאַנצן.

זיי האָבן געזונגען "דויטשלאַנד איבער אַלעס", אָבער צום סוף צוגעגעבן "אָבער דאָס וועט זײַן אַ קאָמוניסטיש דײַטשלאַנד. היטלערן וועלן מיר אומברענגען". עס וועט קומען צײַט און מיר וועלן פּטרן אָפּ די אַלע היטלעריסטן, וואָס קוילענען אַז[ו]י יידן. ווען מיר וואָלטן געקענט, וואָלטן מיר אַריבערגעגאַנגען צו דער בריק, און מיר וואָלטן זיך אָפּגערעכנט מיט יענע היטלעריסטן.

זיי האָבן מיר ווײַטער געזאָגט: איך זאָל נישט זאָרגן, עס וועט נאָך זײַן גוט, עס וועט קומען די צײַט – און מיר וועלן זיך צוריק זען בײַ די רוסן.

אַ צוויי שעה האָט מען אַזוי פֿאַרבראַכט, און זיי האָבן מיר געהייסן זיך לייגן שלאָפֿן. זיי האָבן אַרײַנגעבראַכט שטרוי, מיר אויסגעבעטט, מיר געגעבן אַפֿריער עסן קאָנסערוון, טרינקען קאַווע. אינדערפֿרי אויף מאָרגן האָבן זיי מיר געמאַכט פֿרישטיק און געזאָגט:

״וואַרט צו ביז צען אַזייגער, מיר וועלן דיך צופֿירן צו דער רוסישער גרענעץ. מיר ווייסן, ווען די רויטע שטייען – און ווען נישט״ אַזוי איז טאַקע געווען. זיי האָבן מיך אַריבערגעפֿירט, געזעגנט זיך מיט מיר און ווידער געזאָגט: <u>זיי וועלן זיך נאָך אָפּרעכענען מיט יענע, עס וועט לאַנג נישט געדויערן</u>.